ב. מאיראוויטש.

רוסלאנד.

234

ב. מאיראוויטש.

רוסלאנד.

פֿאָרוואָרט פון י. ראַבינאָוויטש.

קאטערינאסלאוו.
1922.

Р. В. Ц. № 344. Екатеринослав.

קאטערינאסלאוו, 1-טע ראַטן-דרוקעריי נומ׳ 396 1000 עקז
1922.

רוסלאנד.

און פאר אונזערע אויגן זיינען געשטאלטן צוויי.

רוסלאנד.

ברעגלאזע פעלדער, אומפענדליכע שליאכן. דערפלאַך פארווארפענע, הייזלאך נידעריגע; טרויעריגע ווערבעס ביי דרעמלענדע טייכלאך, געבויגענע צלמ׳ס אויף וואך פון פארגעסענע צווינטערס. אַ טיפער בייִנקשאַפט ציט זיך איבער וועגן, טרעט איבער אומעדיגע טאלן, שטייט פאַרקלערט אפ׳ן איינזאַמען בערגל צווישן סטעפעס פאַרזארגטע.

מענשן-שטנ׳ס שוויגנדע, לידער-זיפצן פאַרשטיקטע.

רוסלאַנד.

באַלויכט מיט פלאַמען פון אויפשטאַנדן, אין שטורם פון אויפברעכענדע מרידות, ווילד און פארשייט טראגט זיך דער פייעריגער אטעם פון הייליגן גאטס — ניטצופרידנהייט, אפגעמעקט זיינען די גרעניצן צווישן חורבן און שאַפן, פאַרשווינדן האַלבע טענער, פאַרשטומט שעפטשענדע שטימען; מעכטיגע סימפאניעס קלאנגען, פארבן, ליניען געבוירן אין געדרויש פון טיטאנישן קאַמפף.

העלער פון פלאקערנדע טורמס ברענען שרפות פון הערצער און נשמות.

פון טיוטשעוון ביז באלמאנטן קלינגט די ליד פון אַלטן רוסלאנד אויף איהר דיכטער הארט דאס ווידערגעבוירענע לאַנד. דער ריטם פון דער געווארטער ליד הערט זיך אין „רוסלאַנד” פון ב. מיאיראוויטש און דערפאַר זאגן מיר דעם יונגן דיכטער: „ברוך הבא”.

חמשה עשר בשבט תרפ״ב

אלכסנדריקס צווייטער יאָרצייט.

יעריאל ראבינאוויטש.

.א

צעוואָרפן,
צעאַקערט
באגלייך מיט מרידיש-צעווייטאָגטן דור פון
פארשטורעמטן, מיילן-מיליאָניגן, גאַקעט.
אין קערוואָרף פון סופן,
אין שווינדלויף·
צעוואָרפן.

אַזוי האָסט דיין ריזיגן ליכט-דראנג געטראָגן,
אַזוי האָסט פון שטיינער דיין פייער געשלאָגן...

פאַרגעסענע שליאַכן
געפלעפטע,
פאַרהאַפטע
נאָך גלאָצן מיט אויגן,
מיט אויסוועגן-אויגן

פאַנאַנדערגעריסן אין סטעפּישן דרימל...
און קעפּ זיי פאַרדרייסן
צו שטאָלענעם הימל
צעלאָזטן אין זודיקע מבול'ס צעשפּרייטע;
און קומען צו זיך נית,
און ווייסן פון זיך נית
פאַר אויפגעגאַנגען חורבנ'שע—
שטערנדלאַך רויטע...

אָ וויכערשע זיילן פון שניידנדן צפון!

גאָך קאָן מען, אָ נוקמדיג רוסלאַנד, באַגעגנען
אויף דיינע אויף בלוטיג-באַפּרוכפּערטע בייטן
זיך וואַלגערן צעלאָזע ראָסטשטיקלאַך-קייטן;
און שפּריקלאַך צעבוילטע
פון תּליינ'שער אנמאכט,

און פינגערלאַך-חתימות
מיט גאָלדענעם שימער
אינמיטן א סטעזשקע אין בלאָטע אין ווייכער—
א זכר
פון פחד פארגרוילטן
וואָס דו האָסט אויף דערנערשע וועגן צעשפרייט,—
אויף וועגן-זיג-זאַגן פארזייט...

מיט פלאסטער פון וויעס
פון ווינטישע וויעס
אַריבער פון וועלטן פאַרגאָסענע שקיעות—
האָסט ראש אזא איינע
מיט בראנדן אין ביינער
ד׳רוואכט
אין אַ נאַכט

מיט דיין גאַנצענער גרויס,
מיט דיין תאוהדיג-שכור'ער, בלענדענדער בלויז...

און הצט דיין פארוואונדעטער רוף
איבער בערג זיך צעקייקלט—
פאַרפייקלט
מיט טריט טויזנטוואָגיגע,
מחנות פאַרטאָגיגע
קאמף-קאַראַוואַנען,—
די אַלע וואָס האָבן אויף וואונק דיר פאַרשטאַנען,
די אַלע וואָס האבן דיין צאַפל פארטרויט זיך...

און האָבן צעשפילט זיך
אויף דיינע אין זיג-דורשט פאַראָטעמטע וויטן—
יאָרהונדערטער-צייטן,
פארוויגטע אין דויער
פון גליוער, פון טרויער
...זיי האָבן צעשפילט זיך.

ניט בריקן צעלייגט איבער תהומ'ען
פון יובל'ס און שמיטות...
—ווער האלט איין, ווער היט עס
א שכור'ן סאמום
צערייצטן אין הויכן מיט אויפשטאַנדן-ימ'ען?
א ווינט-שווינד, אַ בראַנד-ראַנד
פאר בלינדע געבורטן
פון זוניגן אויביג—

האָסט גלויביג
געשלונגן די טרוימען געטריפטע פון רוימען,
פון לויטערע רוימען
אין בלענדלאַנד אין רויטן.

אַזוי האָסט דיין ריזיגן ליכט-דראנג דערטראָגן,
אַזוי האָסט פון שטיינער דיין פייער דערשלאָגן...

נאָך דרייען באַ בוזעם באַ דיינעם ציקלאָגען
און כאפן אויף וואַלדישע שייטערבערג גרייטע...
צעפּראָגט עס אַ היכל פון געטער פאַרוויינטע
און לאָזט איבער אַש-הויפנס קליינע, פאַרדאַוונט;
איז דריבניקער רויכל
און קטורת'דיג פלעמל
נימאָ שוין,—פאַרלאָשן
פאַר שפיי פון דיין לאווע...

און שיקסט אלץ שלוחים, נאָך איינעם—אַ צווייטן,
און דונערלאך צפונ'שע קומען זיי אָנעט
אויף גרעניצן טויבע פון נאַכטעשע לענדער,
אין אויגן מיט בלענדן־
און פלאַמען אין מיילער:
—פאַרשמאַכטע! צו זונקוואַלן גאַנג נאָר אַ ווייל'ע!..

געזאַלבטע!
כ'גיי אויף
צו געהייליגטן סיני—צו דיינעם.

איך קום ניט מיט טענה
פון גייערשן שטרויכל—
מיט פאַקעלן—שרפות
דיין וועג האָסט באלויכטן...

צעוואָרפן,
צעאַקערט
באגלייך מיט מרידיש-צעוויטאגטן דור פון
פארשטורעמטן מיילן-מיליאניגן נאַקעס,
אין קערוווארף פון סופן,
אין שווינדלויף—
צעווארפן.

אזוי האסט דיין ריזיגן ליכט-דראנג געטראגן,
אזוי האסט פון שטיינער דיין פייער געשלאגן...
1921.

ב.

וויגן זיך לופטן פאראטעמט מיט שסאָלענע, בלוטיגע
ריחות,
כובלען אין זיי זיך חיילות אין ריזיגע שורות געשלאסן
אין רויטן געגאסן...
פאלט צו די נאכט אזא שווערע. אין שרפה פון פיין
צינדן זיך אָנעט די מחות:
— נקמה! און בלוטדורשטיג זיין...

דעמערט עס, קלאפן אויף הערצער און אלע איין הארץ,
צינדן זיך פייערלאך—אלע איין בראנדיגער פלאם.
ציען זיך רגע'ס,—פון בלייען
גצועטיגט מיט סם
און מיט שכור'ן שמארץ
פון געהייליגטן קין—
— נקמה! און בלוטדורשטיג זיין...

שאריעט פארטאג אויף דערטראגן זיך גוססע-ווייען,
שפריצן חיילות גערויטלט אויף סביבות מיט פייער און
גבורה,
מיט זוגיגער שירה;
און קערן צוריק זיך ווי אדלערס געקרוינטע די זיגער
מיט שאלן, טרומפייטן, מיט בשורה-געשרייען
— אז וואויל איז אייך רויטע, געהייליגטע קריגער!

1919.

ג.

ווען שעהן קײַמלען זיך צעוויקלטע אין שלאכט,
ווען פעלד פארוויגט אין האַרטן שווערדן-קלאַנג
פארנעמט אַ זונלאזע דעם שכור'ן געזאנג
פון בלוט און רויך —
איז וואָס באַ דר'ערד אז ס'גליווערט וואו א פּאַן?
דער קדוש וויפלטער אויף איר?
מיט אויגן אויסגעשטארט, מיט אויסגעפלאצטן ברום
מיט שבועות שטום
געלייטערטע אין שווערן קאַן,
פון קעלערן און בערג זיין גואל זיך געבראכט —
און אויסגעקושט די ליפּן האט אַ שיר...

אין אויפגאנגן מיט הארץ באַמויעט,
מיט הארץ פארטרויעט
זינגענדיגן וויגט, —
איך אויך —
אַ ווינטיש אינד
געקומען בין מיט טרייסט באַפליגלטער,
מיט פייער רייך
— צו אייך;

1920.

ה.

ניט בלייב איך שטיין
פאר שליינגלדיגער ווייט בא שיידוועג-צלם
אַ הירש מיט אָפּגעבראכנע הערנער...

און ניט סאהארעס שרעקן מיין אַליין —
און ניט אַ אויסגעגראבענער בית-עולם...

דורך וועג ניט אויסגעטאגט פון בלוטנדיגע דערנער—
איך שאר צעווישן שטערן פאלנדיגע
דעם שטויב פון אפגעווישטע טריט...

און שלינגען מיינע אויערן דונערס קנאלנדיגע
פון חלל'ס ברויזנדיגער מיט...

1920.

ה.

... איז וויפל שוין רוימען אויף פעלדער געצונדן
אין גיריגן רויט?...

כ'האב געזאגט: וועל איך זיין צווישן טויטן — אַ טויט!...
און מיט נאכטעשע נעפלען געבונדן,
מיט לקוי-לבנות אין הארצן
אין אייגענעם פלאנטער געדרייט זיך,
אין קאראהאד שווארצן —
און שיער ניט פארדרייט זיך...

דאך האב איך אין ווייעניש טויבער מיין עכא געהארט —
און זוכנדיג האט אייער רוף מיך געטראפן...
און בין איך געלאפן
און האב איך אויף וויכערס זיג-זאגן געשניטן
אין אויר געשמיטן, —
מיין ווינטישן פאָכער אַ וואלס האָט געוואַרט...

איצט שטיי איך לעם אייערע פלאמען צעגליטע
און האר איך מיט אייך אויף באגינענס צעבליטע,
געצונדן אויף פעלדער, —
צעשפילטע אין וועלדער...

1921.

ו.

אָ פּורפּור-לאַנד! געקרוינטע היימאַט מיינע
אין שרפות-אויפשטאַנדן,—כ'בין דאַפּלט-גרייט!
פאַר דיין געגרויסטן שטרייט איך גלי...
פאַר דיין געגרויסטן זיג איך קני...

און זין אַזוינע—אַלע פון·איין ברוסט געזויגן,
און איטליכער כאַפּט אויף אַ וואונק,
און איטליכער צעטראַגט אַ פונק
פון דיינע טויזנטשטראַלנדיגע אויגן...

דער שונא גייט?
ווער שטעלן קאָן צעווישן אונז אַ וואַנט,
אַז אַלע—איין פאַרשמיטע, גרויסע האַנט?...

און אונטן
אויף דיינע, רוסלאַנד, ניט פאַרשאַטענע נאָך גרונטן
אַזוי פיל הרוב'ע שוין וועלטן ליגן —
איין אפּגעשלאָגענע,
איין געל-פאַרטריקנטע הושענה...
1921.

ז.

מיט אויסגעטראָגענע, געוואָרעמטע פון דורות
צעגליטע, העלישע פאַרלאַנגן,
דורך גרונטן האַרצנשע זיך וויקלענדיג
מיט בונטע שניר —
יריעות זוניגע
פון נייע, אויסגעהאַקטע תורות,—
איך לאָז מיר ווייטער נאָך מיט בשורה-שיר,
מיט ניט געזוימטן נאָך אויף ליפּן שיר
צו וועכטערס איינזאַמע—צעשטעלטע שטאַנגען
אויף גרויע שטח'ן פאַרלייגט מיט שטיינער...

דו וועסט מיך אויסקויפן באַ שווינדל-ווייט,
באַ גליוועך-צייט;
— דו וועסט מיך אויסקויפן,
דו וועסט מיך קרוינען!...

1922.

פרייז 15.000 ר.

קאטערינאסלאוו
פארלאג „טראנספארט".
1922.